# ולא ימ"ם את לבב אחיו

הרב מנשה פילאפף

ימ"ם (הרב ישראל מ. סופר) האט אנגשריבן א הערליכן היסטארישן פשעטיל אין די וואכעדיגע "צייטונג". א שיינעם פלפול וואס איז געבויט פון פארשידענע מעשה'לעך, כדי צוצוקומען צו איין מטרה, <u>צו באשאפן א דעת קדשו</u> של רבינו ז"ע בענינא דיומא. זיין פשעטיל איז דאך גאר הפלא ופלא, ווייל כידוע דרכו בקודש פון כ"ק רבינו ז"ע ווי פיל ער האט זיך סומך געווען אויף מעשיות'לעך, איז דעך גאר בעקאנט, ובפרט לעניני הלכה איז דאך אפגערעדט. מיט אונזער קאמענטירן, וועלן מיר זיך בס"ד קאנצענטרירן אויף עניני היסטאריע בלבד, און נישט פראבירן צו בווען פון זיי קיין עניני הלכה.

רבינו ז"ע איז כידוע נישט געווען פון די וואס האבן זיך געצווייפלט מגלה צו זיין דעת קדשו ברבים. ער איז נישט געווען פון די וואס מ'האט זיך בעדארפן מפלפל זיין כדי ארויס צו באקומען דעת קדשו פון מעשיות'לעך. אויב ער האט געהאלטן אז אזאך איז אסור, קולו נשמע ברמה מקצה העולם ועד סופו. הן בעניני השקפה והן בעניני הלכה, וכ"ש וק"ו בן בנו של ק"ו בענינים וואס האבן צו טוען סיי מיט השקפה (שמא ילמדו אחרים) און סיי מיט הלכה, הלכתא רבתא לשבתא ווי איסור הוצאה. פון דעם פאקט אז רבינו ז"ע האט דאס נישט געטוען, דאס גופא איז פאר אונז א קלארע באוייז, אז רבינו איז נישט געווען איינשטימיג מיט די ליטווישע גדולים, וואס האבן געהאלטן אז עס האנדעלט זיך פון א רשות הרבים דאורייתא. (זעה די "4 קשיות" געדרוקט אין גליון "רצונו על מצות עירוב").

מיט אונזער קאמפלימענט אויף ימ"ם 50 יעריגע היסטארישן ריפארט, מוז אויך ווערן בעטאנט, אז ער האט גאר "איבער-געשריבן-היסטאריע" באומנות נפלאה. ווייל אויב ס'וואלט געווען אמת אז הגה"צ פוסק הדור רבי יונתן שטייף זצ"ל האט טאקע חרטה געהאט פון זיין פסק הלכה, נו ווי שטימט דאס מיט דעם פאקט אז 25 יאהר שפעטער זאל זיין חשוב'ע דיין שזכה לשמשו, דער ראב"ד דק"ק קהל יראים וויען הגה"צ ר' יוסף אלי' שטיינער זצ"ל האבן געשריבן (ביום ג' נח תשל"ג) עדות הפוכה מקצה אל הקצה, וז"ל: "**היות שרחש לבו לעשות עירובין ע"י צורת הפתח וכו' בוויליאמסבורג ובארא פארק** וכו' ובכל העיירות, קטנות או גדולות, תקנו עירובין אפילו ע"י דוחקים גדולים, וכ"ש שבעיר **נוא יארק וברוקלין ההיתר מרווח וברור לכ"ע**, כמו שכתב זה מכבר מרן הגאון הקדוש והנורא פוסק הדור ענותן כהלל מוה"ר **יונתן שטייף** זי"ע שהי' גאבדק"ק וזכינו לשמשו. עיין בשו"ת מהר"י שטייף סי' ס"ח, **ואין לחוש כלל למה שלא חששו לו דבות"ו מ"זד דור**", עכ"ל.

איז דען שייך אז הגה"צ ר' יוסף אלי' שטיינער זצ"ל האט נישט געוויסט דאס וואס ימ"ם האט היינט אנדעקט בנוגע הגה"צ מוהר"י שטייף זצ"ל?

אין צווייטנס, אויב ס'וואלט טאקע געווען אמת דאס וואס ימ"ם מוט בעהויפטן, אז רבינו ז"ע איז געווען פון די "מנגדים" צו מאכן אן עירוב אין אמעריקא, בכל תקופה, בכל מקום, ובכל גווני, וואלט זיך הגה"צ ר' יוסף אלי' זצ"ל ערלויבט ארויס צו קומען מיט די פאלגענדע שארפע לשונות, ווי:

**"ולא ירא ולא יחת על מה שישנם כמה שמנגדים, כי זה הוא הדרך מעולם ועד עתה, קצתם משום קנאה שמקנאים באדם שזוכה להיות ממזכי הרבים, וקצתם מפני שהשטן לא ניחא ליה שע"י עירוב אחד יפסקו אלפים מישראל מלהיות מחללי שבת ויכנסו בגדר שומרי שבת"** עכ"ל.

איז דען דער ווינער דיין הגה"צ ר' יוסף אלי' זצ"ל געווען בעקאנט אלץ א בר פלוגתא פון רבי'ן ז"ע, חלילה, אז ער זאל זיך ערלויבן צו שרייבן א זעלכע שארפע לשונות? אלא מאי, לא שאלה של עירובי חצירות יש כאן, אלא עירבוב תחומין יש כאן, וכדיבואר להלן.

אידער מיר גיין ווייטער, וועלן מיר זיך גאר אפשטעלן אויף א קליינע היסטארישע באמערקונג. ימ"ם ווען ער דערמאנט (אויף יוצא צו זיין) די צד המתירין, האט ער פארגעסן צו דערמאנען פאר די חשובע צייטונג לייענערס, דעם גרויסן גדול פוסק הדור דער ברעזשאנער רב זצ"ל (בעל שו"ת מהרש"ם) וואס ער איז געווען פון די מתירים צו מאכן אן עירוב אין ניו יארק, ווי ער שרייבט בתשובתו קיין אמעריקע, אז אפילו א בעל נפש קען רואיג מטלטל זיין. ווי אויך דער סטאניסלאווער רב (בעל שו"ת הרי בשמים) איז אויך געווען פון די גרויסע צד המתירים.

נחזור לענינינו. צום סוף פון זיין היסטארישן ריפארט, ציטירט ימ"ם א מעשה פון אן אסיפת זקני הרבנים ביים רבי'ן אין שטוב, בערך אין שנת תשי"ט, ווי עס זענען געווען די זקני גדולי הדור, ווי דער צהעלימער רב זצ"ל, דער פאפא רב זצ"ל, שארמאשער רב זצ"ל וכו'. און מ'האט באהאנדעלט די שאלה פון עירובין אין מאנהעטען און אין וומסב"ג וכו'. ימ"ט פירט אויס אז, אלע זקני הרבנים האבן צו דעם מסכים געווען, און סאיז ארויסגעקומען <u>א החלטה</u> נישט צו מאכן קיין עירוב, עכ"ל פון אונזער חשוב'ער היסטאריקער ימ"ם.

(פארזעצונג אין די צווייטע זייט)

נו, אויב סאיז טאקע געווען אזא החלטה פון רבי'ן זי"ע צחאמען מיט אט די דערמאנטע גדולי זקני הרבנים זצ"ל, וויא קען דאס שטימען מיט דעם פאקט, אז לכל הפחות צוויי פון אט די זקני גדולי הרבנים האבן 14 יאהר שפעטער אינגאנצן פארגעסן פון זייער החלטה, ווי הגה"צ דער שארמאשער רב זצ"ל (ביום ה' נח תשל"ג) מיט הגה"צ דער פאפא רב זצ"ל (ב' מרחשון תשל"ג) שרייבן מפורש'דיגע מכתבי זירוז ועידוד בענין גודל החיוב להשתדל בתיקון עירובין, צו מאכן א צורת הפתח לכל הרחובות שבוויליאמסבורג, אשר בזה תהי' הצלה גדולה לאחב"י, וכו' וכו'. (מכתביהם ומכתבי שאר גדולי זקני הרבנים, זענען געדרוקט געווען פ' ויצא אין די פראנט פון פריערדיגן גליון "וצונו על מצות עירוב").

אינטערסאנט איז, אז ס'האבן זיך שוין געטראפן מאנכע פון די מתנגדי העירוב, וואס האבן זיך אנגערופען אז די מכתבי הרבנים זענען מזוייף. ע"כ כדי שלא ימס לבב אחב"י דורשי העירוב, להוי ידוע אז די אלע מכתבים פון די זקני גדולי הרבנים זצ"ל, לא מבעיא וואס זיי זענען שוין געדרוקט געווארן 18 יאהר צוריק אין מאסף וקובץ תורני "אוצרות ירושלים" (חלק רח"צ) אין שנת תשמ"ב, ולא אתי שום דיבור לבטל מעשה הכתב, נאר עס עקזיסטירן די ארגינעלע כתב יד'ס פון די גדולי זקני הרבנים, אזוי אז סאיז נישט שייך קיין שום פקפוק אויף זייערע קלארע "דעת תורה" המפורש במכתביהם. און אויב דאס איז נאך אלץ נישט גענוג, האבן מיר דאך די עדות פון משב"ק הרב החסיד ר' יוסף אשכנזי שליט"א, וועלעכער שרייבט אין א' ויחי תשמ"א אז די דאזיגע תכריך מכתבים זענען בשעתו ארויף על שולחנו הטהור פון רבי'ן זי"ע. אזוי אז לכו"ע האנדלען דא מיר מיט אויטענטישע דאקומענטן פון זקני גדולי הרבנים זצ"ל וואס זענען געווען מעודדי ומחייבי העירוב בשכונות החרדיות שבברוקלין. אזוי אז מיר האבין ב"ה אויך רבנים, עכ"פ נישט ווייניג חשובע פון צד המתנגדים, כדי מיר זאלן רואיג מקיים זיין דעם פסוק "צאי לך בעקבי הצאן וראי את גדיותיך על משכנות הרועים", טאקע ווי רש"י הקדוש טייטשט דארט.

ואחרון אחרון איז אונז געבליבן צו מאכן א שטיקל סדר אין דעם פארנעפעלטן ארטיקל "די מערכה איבער אן עירוב אין ניו יארק" געשריבן דורך ימ"ס מיט איין מטרה, לבלבל ולטשטש את המוחין. צווישן זיינע שורות האט ער אריין געפלאכטן גאנץ היבש גיפטיגע ליצנות אויף מצות עירוב, און אויף מקיימיה ומחזיקיה. מיט זיין סארקאזעם, כדרך המשכילים, ווישט ער אפ במחי יד דעם גאנצן תשובת מרן החת"ם זי"ע (או"ח סי' צ"ט) פונקט אזוי ווי דער בעלסקי פון די או-יו. (צו עס זאגן מיר "טול קורה [ולחי] מבין עיניך", אויף זיינע אומדערהערטע "קולות" אין זיינע הכשרים, און מ'מח זיך עקסטער אפרעכענען אויף זיינע דברי בורות, און מוחה זיין אויף וואס ער האט מבזה געווען בפני תלמידי הישיבה, רבנים מורי הוראה מובהקים).

מאידך גיסא גפונען מיר אין ימ"ס ארטיקל גאנץ וויכטיגע איפארמאציא וואס קומט זייער צו ניץ. זאכן וואס מיר קענען יא קלאר ארויס נעמען לעניננו פון זיינע היסטארישע מעשה'לעך (הגם ווי פריער דעמאנט, פון קיין מעשה'לעך קען מען קיין הלכות נישט בויען, ובפרט לשיטת רבינו זי"ע, וואס כידוע האט ער זיך זעהר ווייניג פארלאזט אויף מעשיות. אבער מיר וועלן דא גיין "ולטעמיך" פון ימ"ס, נוצן זיינע אייגענע מעשיות אליין "מעשה לסתור"). למשל, וואס ער שרייבט אין עמוד 44 אז מהאט מצרף געווען פאר דעם עירוב אין מאנהאטען, די באן סטאנציע עלעוועיטארס. וואס אויף דעם האט דער רבי זי"ע געווען א מנגד, ווייל די זאכן ווערן נשתנה כידוע, און עס קענען ארויס קומען דערפון מכשולות. אויך די מעשה מיט ר' הערש צחאמען מיט אב"ד קהל יראים דסי-געיט, וואס ימ"ס ברענגט אין עמוד 45, דארט האט זיך אויך געהאנדעלט פון מצרף זיין מחיצות פון וואשינגטאן בריק צום עירוב, און דערויף האט דער רבי געזאגט, אז דא אין אמעריקע קען מען זיך אויף אזעלכע זאכן נישט פארלאזן מצרף צו זיין, ווייל אלעס האלט זיך אין איין טוישן, מ'בויט און מ'צעווארפט וכו'. פון דעם זעהן מיר קלאר, אז נישט צוליב עניני הלכה פון רה"ר דאורייתא איז געווען דעם רבי'ןס התנגדות, נאר ווייל סאיז נישט געמאכט געווארן געהעריג מיט א צורת הפתח בכל מקום ומקום, אזוי ווי אונזער עירוב אין בארא פארק איז טאקע געמאכט כדת וכהלכה. דאס שטימט טאקע אויך מיט די מעשה וואס ימ"ס ברענגט פון הרה"ג ר' לייביש גאטעסמאן פון מאונט קיסקא, אז ווען הגה"צ ר' מיכאל בער זצ"ל האט געזען ווי מ'טוישט דעם אויסשטעל פון די בריק, האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט התפעלות אויף די טיפע חכמה פון סאטמארער רב, וועלעכער פלעגט דאס טענה'ן מיט אים, אז דא אין אמעריקע קען מען נישט מאכן קיין עירוב דאריך מצרף זיין בריקן, ווייל דא איז אייביג דא קאנסטראקשאן וכו'. אויף אזא סארט עירוב, איז טאקע שייך דער חשש פון "שמא ילמדו קלי הדעת" לסמוך על "בריק'ן" וכל מיני קאנסטראקשאנס שלא נעשו לשם עירוב.

אט די מעשה'לעך טוען טאקע קלאר באשטעטיגן, אז דעם רבי'ןס התנגדות בשעתו האט גאר נישט געהאט צו טוען מצד הלכה אליין רה"ר דאורייתא, נאר אדרבה ואדרבה (כפי שכמה מתלמידיו מעידים ששמעו מפיו בשיעורדיו לאמר, "דאס איז א מאל זיכער אז מיר האבין נישט קיין רה"ר דאורייתא"). וויל טאמער יא, וואלט דער רבי זי"ע קלאר ארויס געקומען כדרכו בקודש בקול ענות גבורה, אז מ'טאר קיין עירוב נישט מאכן מצד חילול שבת דאורייתא, און נישט מיט אט די זייטיגע נימוקים.

היוצא לנו מכל הנ"ל, אז אויף אן עירוב וואס ס'איז געמאכט געהעריג (אן קיין שום צירופים פון קיין פרעמדע קאנסטראקשאנס, נאר במיוחד געבויעט) בצורת הפתח כדת וכדין, אזוי ווי סאיז יעצט געמאכט געווארן, צום ערשטן מאל, אין בארא פארק, און אויך מיט א שטרענגע השגחה פון רבנים מובהקים, וואלט דערויף קיין מאל נישט געווען קיין התנגדות פונעם רבי'ן זי"ע. והא ראי' די גרויסע שמחה וואס רבינו זי"ע האט געהאט פון תיקון העירוב במאנרא (ולא חשש שקלי הדעת ילמדו משם למקומות אחרים. אויך איז דאך דער רבי זי"ע געווען גאב"ד דעיה"ק ירושלים, און אין ירושלים איז דעך דא אן עירוב). וא"כ אין כאן לא דובים ולא יער, רבינו מעולם לא התנגד אויף אזא סארט מהודר'דיגן עירוב, וואס אויף דעם האבן קלאר געשטרעבט די גדולי זקני הרבנים אין וויליאמסבורג, ווי יעדער קען דאס זעהן מפורש פון די מכתבים פון הרבנים הגאונים הצדיקים, משארמאש, מפאפא, משטשקאווא, מסאמבאטהעלי, מאראד, ממישקאלץ, ועוד, זכרון צדיקים לברכה, ולאור הוראות אותם הרועים הנאמנים נסע ונלך בעקבי הצאן, עד ביאת משיחינו בב"א.